בס"ד

וישלח תשפ"ד
גליון 167

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך געטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### דאס פינטעלע שמחה

די הייליגע תורה דערציילט אונז אז נאכדעם וואס יעקב און עשו האבן זיך געטראפן, איז יעקב אריבער דעם טייך יבק און אריבערגעפירט זיין גאנצע משפחה מיט די פארמעגן אריבער דעם טייך פארגעסנדיג דארט קליינע קריגעלעך, יעקב אבינו גייט צוריק זיי נעמען.

עס איז אינמיטן נאכט, יעקב אבינו געפינט זיך דארט אליין אינעם שטאק פינסטער, פלוצלינג קומט אים אנטקעגן א מלאך פון עשו, ער קוקט אויס ווי א מענטש און הייבט זיך אן צו שלאגן מיט יעקב.

דער מלאך מיט יעקב האבן זיך אזוי געשלאגן, ביז דער מלאך האט געזען אז ער קען נישט בייקומען יעקב, האט ער אים אנגערירט ביים קנעכל פון די פיס און יעקב איז געווארן הינקעדיג, אבער יעקב מיט זיין גרויסן כח האט אים נישט אפגעלאזט ביז דער מלאך האט זיך געבעטן צו אים "לאמיר שוין גיין, ס'איז שוין פארטאגס, איך דארף גיין זינגען שירה". "איך לאז דיך נישט אפ, ביז דו וועסט מיר בענטשן!" האט יעקב געענטפערט: האט אים דער מלאך געבענטשט און יעקב האט אים אפגעלאזט.

ר' נתן טייטשט די גאנצע פרשה אז די מלחמה צווישן יעקב מיטן שר של עשו איז געווען אז דער שר פון עשו האט געוואלט פארלענגערן דעם גלות, עשו האט געוואלט מען זאל מער קיינמאל נישט קענען ארויסגיין פון גלות חס ושלום. וויבאלד דער זמן פון די גאולה איז פארהוילן האט ער געטראכט אז ער וועט זיך שטארקן אנטקעגן די אידישע קינדער בכלליות און בפרטיות קעגן יעדן איד באזונדער.

דערפאר האט ער זיך געשלאגן מיט יעקב וואס פון אים הייבט זיך אן דער עיקר קדושת ישראל, וואס איז די עיקר קדושה? זאגט דער רבי אויף עטליכע פלעצער אז דאס איז "שמחה" אזוי ווי דער פסוק זאגט: "יגל יעקב ישמח ישראל".

די גאנצע מלחמה פון עשו קעגן יעקב איז געווען אויף דעם פינטעלע "שמחה..." ווען דער מלאך האט געזען אז ער קען נישט בייקומען און שעדיגן יעקב וואס איז געווען גאר הייליג און אפגעהיטן בקדושה, האט ער אים אנגערירט אין די פיס, זאגט אויף דעם דער מדרש אז דאס ווייזט אויף די לעצטערע דורות, עקבתא דמשיחא, דארט

המשך אויף קומענדיגע זייט

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

הָאט דֶער מַלְאָךְ זִיךְ גֶעוָואלְט פַּארְלֵייגְן, אָבֶער יַעֲקֹב הָאט זִיךְ קֶעגְן גֶעשְׁטֶעלְט וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוֹיךְ דִי לֶעצְטֶע דוֹרוֹת אַרוֹיסְרַאטֶעוֶועט פוּן עֵשָׂו'ס פּוֹיסְט.

דֶער מַלְאַךְ רוּפְט זִיךְ אָן צוּ יַעֲקֹב: "שַׁלְּחֵנִי כִּי עָלָה הַשָּׁחַר" טַייטְשׁ ר' נָתָן אַז נָאכְדֶעם וָואס דֶער מַלְאָךְ הָאט אָפְּגֶעטוּן דָאס זַיינִיגֶע אוּן שְׁוֶוער גֶעמַאכְט פַּארְ'ן לֶעצְטְן דוֹר מִיט עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערֶע גָלוּת־פֵּיין הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואלְט אָפְּטוּן פוּן יַעֲקֹב, עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען פַּארְטָאגְס וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער כַּאפְּן דִי צִיצִית מִיט תְּפִלִּין מִיט זְרִיזוּת אוּן פְרֵייד, מֶען זָאגְט דִי פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת בְּשִׂמְחָה - וָואס מִיט דֶעם אִיז מֶען מַעֲלָה אַלֶע נִיצוֹצִין פוּן דִי קְלִפּוֹת - זָאגְט דֶער מַלְאָךְ: שַׁלְּחֵנִי! אִיךְ דַארְף גֵיין זָאגְן שִׁירָה בְּשִׂמְחָה וַוייל דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע חִיּוּת פוּן אַ מַלְאָךְ צוּ זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת בְּשִׂמְחָה.

לֵיידֶער זֶענֶען פַארְהַאן מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף אוּנְז קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט מִיט אַ טַעֲנָה פוּן מָה אֱנוֹשׁ.. "דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַיינְגֶעטוּנְקְן אִין אַלֶע תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז אַיין שְׁטִיק עַצְבוּת אוּן נִישְׁט וֶוערְד צוּ זָאגְן שִׁירָה!" טַעֲנָה'ן דִי מַלְאָכִים: וָואס דִי מַלְאָכִים וֵוייסְן אָבֶער נִישְׁט אַז אַדְּרַבָּה, דָאס אִיז דֶער עִיקָּר לוֹיב פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיף אַ פְרֵיילִיכֶע מִצְוָה פוּן דֶעם טְרוֹיעֶרִיגֶע וֶועלְט.. וֶוען מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק מִיט'ן כֹּחַ הַצַּדִּיק צוּ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן פוּן טְרוֹיעֶר צוּ שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן.

זָאגְט אִים יַעֲקֹב: "דוּ ווִילְסְט זִיךְ גֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל זָאגְן שִׁירָה, אוּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט ווִילְסְטוּ אַרַיינְוַואַרְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין צַעַר יָגוֹן וַאֲנָחָה, יֶעצְט אִינְדֶערְפְרִי בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין וֶוען דוּ זֶעסְט אַז זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט שִׂמְחָה ווִילְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן?" נֵיין! יַעֲקֹב כַּאפְּט אִים אָן אוּן זָאגְט אִים: " אִיךְ לָאז דִיר נִישְׁט גֵיין, פַאר דוּ גֶעבְּסְט זֵיי אַ בְּרָכָה" וַוייל אַ בְּרָכָה קוּמְט פוּן שִׂמְחָה, יַעֲקֹב הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְכַאפְּן דִי יָגוֹן וַאֲנָחָה אִין שִׂמְחָה אַרַיין, דֶער שְׁטִיק עֵשָׂו זָאל נִישְׁט הָאבְן קַיין בְּרֵירָה נָאר צוּ וֶוערְן אַ בֶּענְטְשֶׁער אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי אִידְן, אַזוֹי וִוי עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן דִי גוֹיִם אַלֵיין קוּמֶען אוּן מְשַׂמֵּחַ זַיין דִי אִידְן.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב זָאל דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה נִתְהַפֵּךְ וֶוערְן צוּ אֵיין שְׁטִיק שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן וֶועלְן אַיינְזֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

---

### דעם רבי'נס משלים המשך פון זייט 8

אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען דֶער בַּארוֹיבְטֶער אַהִין אוּן גֶעזֶען אַז זֵיי רוֹיבֶער אִיז גֶעפַאלְן טוֹיט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן הָאט גֶעעֶפְנְט אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ אוּן גֶעטְרָאפְן אַלֶע זַיינֶע סְחוֹרוֹת זַיין פַּארְמֶעגְן אוּן רְכוּשׁ וָואס מֶען הָאט פוּן אִים בַּא'גַנְבְ'ט פוּן אָנְהֵייבּ. אוּן עֶר אִיז אַהֵיים בְּשָׁלוֹם צוּ זַיין שְׁטוּב אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַן עוֹשֶׁר אַזוֹי וִוי אַמָאל.

בס"ד

# וואָרט מיט שפּאַנונג...
# עס קומט בעז"ה

# "דעם רבי'נס חנוכה ליכט"

וואס וועט זיין אן אנגעפילטע פעקעדש
צו הערן און צו ליינען...

- דיסק [סידי] 'טעם חנוכה'
- שיינע שפיל- דעם רבי'נס ליכטיגע אותיות
- סדר הדלקת הנרות
- דעם רבינ'ס ליכט

**פאר אייערע קינדער**
**און דער גאנצער משפחה.**
**ניגונים, מעשיות, תורות און עצות**
**פונעם רבי'ן, מוהרנ"ת ותלמידיו הק'.**











וועט זיין בעז"ה צובאקומען אין די ברסלב'ע שולן

פאר א מינימאלע פרייז

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

# מַעֲשֶׂה ד׳ - מֶלֶךְ שֶׁגָּזַר שְׁמַד 2

**אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'מֶלֶךְ', אוּן הָאט גֶעשִׁיקְט 'אוֹקַאזְן'** [בַּאפֶעלְן], **נָאךְ אַלֶע 'יֶעדְנִירַאלְן'** [גֶענֶערַאלְן], **אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע 'שְׂרָרוֹת'** [מִינִיסְטָארְן] **– וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט 'טְשִׁינֶעס'** (דְהַיְינוּ: שְׂרָרָה'שַׁאפְט [אַ 'שְׁטֶעלֶע']) **אוּן 'אוֹרְדֶערְס'** [בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטֶעלֶעס]!

**זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעקוּמֶען – הָאט עֶר זֵיי מַשְׁפִּיל גֶעוֶוען, אוּן הָאט בַּיי זֵיי אַוֶועקְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע 'טְשִׁינֶעס'** [שְׁטֶעלֶעס] **– אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן גֶעהַאט 'טְשִׁינֶעס' נָאךְ פוּן זַיין 'עֶלְטֶער-זֵיידְן', וָואס זֵיי הָאבְּן נָאךְ בַּיי אִים פַארְדִינְט** [גֶעדִינְט] **– הָאט עֶר בַּיי זֵיי אַלֶע, אַוֶועקְגֶענוּמֶען** [זֵייעֶרֶע שְׁטֶעלֶעס]!

**אוּן 'קְלֵיינֶע-לַייט' – הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן הָאט זֵיי גֶעמַאכְט** [גֶעשְׁטֶעלְט] **אוֹיף זֵייעֶר אָרְט** (פוּן דִי 'גְרוֹיסֶע-לַייט')!

[ה] **צְווִישְׁן דִי 'שָׂרִים' וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן – אִיז גֶעוֶוען דֶער 'אוֹנֵס'** [אָנוּס] **הַנַ"ל** [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

**הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דַיין 'שְׂרָרָה'שַׁאפְט'"** [אוּן דַיין 'שְׁטֶעלֶע']?! **– הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מַיין 'שְׂרָרָה'שַׁאפְט' אִיז נָאר, אַז אִיךְ זָאל מֶעגְן זַיין אַ 'יְהוּדִי' בְּפַרְהֶסְיָא – פַאר דֶער 'טוֹבָה' וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן דַיין 'זֵיידְן'"!**
[ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק א אוֹת ב-ג].

**הָאט דֶער 'מֶלֶךְ', בַּיי אִים דָאס אַוֶועקְגֶענוּמֶען** [פוּן מֶעגְן זַיין אַ אִיד אוּן לֵייגְן טַלִּית וּתְפִלִּין בְּפַרְהֶסְיָא]! **– אִיז עֶר ווִידֶער גֶעוָוארְן אַ 'אוֹנֵס'** [אָנוּס]!

[א] **אַמָאל הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אִין 'חָלוֹם': "ווִי דֶער 'הִימְל' אִיז לוֹיטֶער"! – אוּן הָאט גֶעזֶעהְן: "אַלֶע 'צְוֶועלְף-מַזָּלוֹת'"!**

(דְהַיְינוּ: דִי 'שְׁטֶערְן אִין הִימְל' זֶענֶען גֶעטֵיילְט אוֹיף 'צְוֶועלְף-חֲלָקִים', אַקֶעגְן 'צְוֶועלְף-חֳדָשִׁים'! – אֵיין חֵלֶק 'שְׁטֶערְן', אִיז אַזוֹי-ווִי אַ 'לֶעמֶעלֶע', דָאס אִיז דָאס 'מַזָּל פוּן נִיסָן'! – אוּן דָאס 'מַזָּל פוּן אִיָּיר', וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שׁוֹר', דְהַיְינוּ: אַ 'אָקְס'! – אוּן אַזוֹי אִיטְלֶעכֶער 'חוֹדֶשׁ', הָאט זַיין 'מַזָּל')!

**אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז 'שׁוֹר-וָשֶׂה'** (דְהַיְינוּ אַ 'אָקְס', אוּן אַ 'לֶעמֶעלֶע') **וָואס ס'פַארְהַאנְדְן צְווִישְׁן דִי 'מַזָּלוֹת' – לַאכְן זֵיי אוֹיס אִים** [אִים אוֹיס]**"!**

*

**הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט מִיט 'גְרוֹיס כַּעַס' – אוּן אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן!**

**הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "בְּרֶענְגֶען דֶעם 'סֵפֶר-הַזִּכְרוֹנוֹת'** (דְהַיְינוּ: דָאס 'סֵפֶר' וָואס דָארְט אִיז אַלְץ פַארְשְׁרִיבְּן)**"! – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן, אַז ס'שְׁטֵייט דָארְט פַארְשְׁרִיבְּן: "אַז דוּרְךְ 'שׁוֹר-וָשֶׂה', וֶועט זַיין 'זֶרַע' פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן"!**

**אִיז אוֹיף אִים גֶעפַאלְן, 'זֵייעֶר-אַ-גְרוֹיסֶער פַּחַד'! –**

אוּן עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט [פַאר] דֶער 'מַלְכָּה' – אִיז אוֹיף 'אִיר' אוּן אוֹיף דִי 'קִינְדֶער', אוֹיךְ גֶעפַאלְן אַ גְרוֹיסֶער 'פַּחַד'! – אוּן סְ'הָאט אִים זֵייעֶר גֶעקְלַאפֶּערְט דָאס 'הַארְץ'!

אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן אַלֶע 'פּוֹתְרֵי־חֲלוֹמוֹת' (דְהַיְינוּ: דִי וָואס קֶענֶען בַּאשֵׁיידְן [אַ] 'חָלוֹם')! – אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ [אַלֵיינְס] פּוֹתֵר גֶעוֶוען! – אוּן עֶס אִיז אִים אָבֶער גָארְנִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען [זֵייעֶר שְׁטִימֶע] אִין דִי 'אוֹיעֶרְן'! – אוּן עֶס אִיז אוֹיף אִים גֶעפַאלְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'פַּחַד'!

[ב] אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ 'חָכָם', אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר הָאט [אַ] 'קַבָּלָה' פוּן זַיין 'פָאטֶער': בַּאֲשֶׁר [אַז] סְ'פַארְהַאנְדְן 'שְׂסָ"ה מִינֵי תַּהֲלוּכוֹת־הַשֶּׁמֶשׁ' (דְהַיְינוּ: דְרֵיי הוּנְדֶערְט מִיט פִינֶעף אוּן זֶעכְצִיג 'גֶענְג', הָאט דִי זוּן) – אוּן סְ'פַארְהַאנְדְן אֵיין אָרְט, וָואס אַלֶע דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן פִינֶעף אוּן זֶעכְצִיג 'גֶענְג' פוּן דֶער זוּן, לַייכְטְן אוֹיף דֶעם אָרְט – אוּן דָארְט וַואקְסְט אַ 'אַייזֶערְנֶע־רוּט' [שְׁטֶעקְן] – אוּן וֶוער עֶס הָאט אַ 'פַּחַד', אַז [וֶוען] עֶר קוּמְט צוּ דֶער 'רוּט', וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן דֶעם 'פַּחַד'"!

(אוּן אַזוֹי [וִוי יֶעצְט דֶערְמַאנְט] – הָאט דֶער 'חָכָם' גֶעזָאגְט [צוּ] דֶעם 'מֶלֶךְ').

אִיז דָאס דֶעם 'מֶלֶךְ' וואוֹיל־גֶעפֶעלְן! – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין 'וַוייבּ' אוּן 'קִינְדֶער' אוּן מִיט גָאר זַיין 'זֶרַע', צוּ דֶעם '[אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] אָרְט'! – אוּן דֶער '[אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] חָכָם', אִיז אוֹיךְ מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען!

אוּן אִינְמִיטְן וֶועג, שְׁטֵייט אַ 'מַלְאָךְ', [וָואס] דֶער '[דָאזִיגֶער] מַלְאָךְ' אִיז אַ 'מְמוּנֶה' [אוֹיפְזֶעהְער] אוֹיף 'כַּעַס'! – וָוארְן דוּרְךְ 'כַּעַס', בַּאשַׁאפְט מֶען אַ 'מַלְאָךְ־הַמַּשְׁחִית'! (דְהַיְינוּ: אַ 'מַלְאָךְ' וָואס עֶר אִיז מַזִיק אוּן פַארְדַארְבְּט)! – אוּן דֶער '[דָאזִיגֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] מַלְאָךְ', אִיז אַ 'מְמוּנֶה' אִיבֶּער אַלֶע 'מַשְׁחִיתִים'!

אוּן [פוּן] דֶעם '[דָאזִיגְן] מַלְאָךְ', פְרֶעגְט מֶען דֶעם 'וֶועג'! – וָוארְן "סְ'פַארְהַאנְדְן אַ 'גוּטֶער־וֶועג' פַאר מֶענְטְשְׁן" (מִשְׁלֵי יד, יב; טז, כה)! – אוּן סְ'פַארְהַאנְדְן אַ 'וֶועג', וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט 'לֵיים'! – אוּן סְ'פַארְהַאנְדְן אַ 'וֶועג', וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט 'גְרִיבֶּער'! – אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן כַּמָּה 'וֶועגְן'!

אוּן סְ'פַארְהַאנְדְן אַ 'וֶועג', וָואס דָארְט אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'פֵייעֶר' – וָואס פִיר מַייל פוּן דֶעם '[דָאזִיגְן] פֵייעֶר', וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט!

(הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דֶעם 'וֶועג' [פוּן] 'דֶעם [דָאזִיגְן] מַלְאָךְ' – הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט דֶעם [דָאזִיגְן] 'וֶועג' וָואס דָארְט אִיז דָאס 'פֵייעֶר')!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען! (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶלֶךְ' מִיט אַלֶע זַיין 'זֶרַע', מִיט דֶעם 'חָכָם').

אוּן דֶער 'חָכָם' הָאט אַלְץ גֶעקוּקְט פַאר זִיךְ אַלֶעמָאל: "אוֹיבּ סֶע [סְ'אִיז] דָארְט דָא דָאס 'פֵייעֶר'"?! – וָוארְן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ 'קַבָּלָה' פוּן זַיין 'פָאטֶער': "אַז סְ'אִיז דָארְט פַארְהַאנְדְן דָאס 'פֵייעֶר'" [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

דֶערְוַוייל [אִינְצְוִוישְׁן וִוי זֵיי גֵייעֶן] הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן דָאס 'פֵייעֶר' – אוּן הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז סְ'אִיז דָארְט אוּמְגֶעגַאנְגֶען [אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען] אִין דֶעם 'פֵייעֶר', 'מְלָכִים' אוּן 'יְהוּדִים', אָנְגֶעטָאן אִין 'טַלִּית אוּן תְּפִילִּין'"!

[אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען: צוּלִיבּ וַוייל בַּיי דִי 'דָאזִיגֶע

מְלָכִים׳, זֶענֶען גֶעזֶעצְן ׳יְהוּדִים׳ אִין זֵייעֶרע מְדִינוֹת – דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט גֵיין אִינֶעם ׳פֵייעֶר׳].

הָאט דֶער ׳חָכָם׳ גֶעזָאגְט צוּם ׳מֶלֶךְ׳: "אִיךְ הָאבּ אַ ׳קַבָּלָה׳: אַז פִיר מַייל פוּן דֶעם ׳פֵייעֶר׳, וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט! – אִיבֶּער דֶעם [צוּלִיב דֶעם] ווייל אִיךְ נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער – דוּ, אַז דוּ ווִילְסְט, גֵיי"!

אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: אַז ׳אַנְדֶערֶע מְלָכִים׳ גֵייעֶן דָארְט אוּם [אַרוּם] אִין דֶעם ׳פֵייעֶר׳ – [דֶערִיבֶּער] וֶועט עֶר אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין דָארְט"!

הָאט זִיךְ דֶער ׳חָכָם׳ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ אַ ׳קַבָּלָה׳ פוּן מַיין ׳טַאטְן׳ [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], אִיבֶּערְדֶעם ווִיל אִיךְ נִישְׁט גֵיין! – דוּ, אַז דוּ ווִילְסְט, גֵיי דִיר"!

אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעגַאנְגֶען, מִיט גָאר זַיין ׳זֶרַע׳ – הָאט זֵיי גֶעכַאפְּט [גֶעוֶועלְטִיגְט] דָאס ׳פֵייעֶר׳, אוּן ׳עֶר׳ אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן מִיט ׳גָאר זַיין [גַאנְצֶע] זֶרַע׳! – אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע אוֹיסְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן!

[ג] ווִי דֶער ׳חָכָם׳ אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים – אִיז גֶעוֶוען אַ ווּאוּנְדֶער בַּיי דִי ׳שָׂרִים׳: "וָואס [פַארְוָואס] דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אִיז פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין ׳זֶרַע׳? – עֶר הָאט דָאךְ זִיךְ גֶעהִיט פוּן אַ ׳שׁוֹר-וָשֶׂה׳? – פוּן וַואנֶען אִיז דָאס גֶעקוּמֶען, וָואס זַיין ׳זֶרַע׳ אִיז פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן מִיט אִים"?!

הָאט זִיךְ דֶער ׳אוֹנֵס׳ [אָנוּס] אָנְגֶערוּפְן: "דוּרְךְ מִיר אִיז עֶר פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן"!

וָוארְן דִי ׳שְׁטֶערְנְזֶעהֶער׳ הָאבְּן גֶעזֶעהְן: "(אַז דוּרְךְ אַ ׳אָקְס׳ אוּן אַ ׳לֶעמֶעלֶע׳, וֶועט זַיין ׳זֶרַע׳ אוֹיסְגֶערִיסְן וֶוערְן)"! – אוּן [זֵיי] הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס זֵיי זֶעהְן – וָוארְן אַ ׳אָקְס׳, מַאכְט מֶען פוּן זַיין ׳פֶעל׳, ׳תְּפִילִין׳; אוּן אַ ׳לֶעמֶעלֶע׳, מַאכְט מֶען פוּן דֶער ׳וָואל׳ [זֵיינֶע], ׳צִיצִית׳ צוּם ׳טַלִית׳ – אוּן דוּרְךְ זֵיי [׳תְּפִילִין׳ אוּן ׳צִיצִית׳] אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אוֹיסְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין ׳זֶרַע׳!

וָוארְן דִי ׳מְלָכִים׳, וָואס ׳יְהוּדִים׳ הָאבְּן אִין זֵייעֶר מְדִינָה יָא גֶעווּאוֹינְט, וָואס זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטָאן אִין ׳טַלִית אוּן תְּפִילִין׳ – אִיבֶּערְדֶעם הָאבְּן דִי ׳[דָאזִיגֶע] מְלָכִים׳, יָא גֶעקֶענְט גֵיין אִין דֶעם ׳פֵייעֶר׳, אוּן ס׳הָאט זֵיי גָאר נִישְׁט גֶעשַׁאט!

אָבֶּער דֶער ׳[דָאזִיגֶער] מֶלֶךְ׳ [אִיז פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן] – וַוייל [ווִיבַּאלְד] קַיין ׳יְהוּדִים׳ וָואס גֵייעֶן אִין ׳טַלִית אוּן תְּפִילִין׳, הָאבְּן נִישְׁט גֶעטָארְט זִיצְן אִין זַיין ׳מְדִינָה׳ – אִיבֶּערְדֶעם אִיז עֶר אוֹיסְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין ׳זֶרַע׳!

אוּן דָאס הָאבְּן דִי ׳שׁוֹר-וָשֶׂה׳ פוּן דִי ׳מַזָּלוֹת׳, גֶעלַאכְט אוֹיס [פוּן] אִים [אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט] – וָוארְן דִי ׳שְׁטֶערְנְזֶעהֶער׳ הָאבְּן גֶעזֶעהְן: "אַז דוּרְךְ ׳שׁוֹר-וָשֶׂה׳, וֶועט זַיין ׳זֶרַע׳ פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן"! – זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן! – אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין ׳זֶרַע׳, אָמֵן, כֵּן יֹאבְדוּ כָל אוֹיְבֶיךָ ה׳"!


הר"ר יהושע לייב פרידמאן הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

הר"ר משה יוסף גאלדמאן הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

בס"ד

שם: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די פערטע מעשה – דער מלך שגזר שמד (2)

**א. וואס האט דער מלך געזען אין חלום?**
- ❑ אז א אקס און א קו לאכן פון אים
- ❑ אז זיינע שרים לאכן פון אים
- ❑ אז א אקס און א לעמעלע פון די מזלות לאכן אים אויס

**ב. מיט וועמען איז דער מלך אהין געגאנגען?**
- ❑ אליין
- ❑ מיט זיין ווייב און קינדער
- ❑ מיט זיין ווייב און קינדער און אויך דער חכם

**ג. אויף וואס איז ממונה דער מלאך וואס שטייט אינמיטן וועג?**
- ❑ אויף כעס
- ❑ אויף גאווה
- ❑ אויף שקר

**ד. וועלכער וועג האט זיי דער מלאך געהייסן גיין ?**
- ❑ אין דער וועג פון לייד
- ❑ אין דער וועג וואס איז פול מיט גרובער
- ❑ אין דער וועג פון דעם פייער

**ה. וועמען האבן זיי דארטן געזען גיין?**
- ❑ מלכים און אידן אנגעטון טלית און תפילין
- ❑ מלכים און שרים
- ❑ מלכים מיט אידן אנוסים

**ו. ווער איז פארברענט געווארן?**
- ❑ דער מלך מיט דער חכם
- ❑ נאר דער מלך
- ❑ דער מלך מיט זיינע קינדער

**ז. וואס האט באמת געמיינט די אקס און לעמעלע?**
- ❑ ער זאל הרג'ענען אלע אקסן און לעמעלעך
- ❑ ער זאל פארטרייבן אלע אקסן און לעמעלעך
- ❑ אז ווייל ער לאזט נישט אנטון טלית און תפלין וואס מען מאכט פון א אקס און א לעמעלע וועט ער פארשניטן ווערן

**ח. אין וועלכער קאפיטל איז מרומז די מעשה?**
- ❑ קאפיטל ב' פון תהלים
- ❑ קאפיטל ג' פון ישעי'
- ❑ קאפיטל נ' פון תהלים

### טיפער גראבן



**וועלכע לשון פון די מעשה טרעפן מיר אויך אין חומש בראשית?**
**וועלכע מידה טרעפן אין די מעשה אז מען זאל זיך ווייטער דערווייטערן דערפון?**
**וואו געפינען מיר אין תהילים ציצית און תפילין?**

**תשובות אויף די פריערדיגע וואך** (מלך שגזר שמד 1)
**וויפיל קעניגן טרעפן מיר אין די מעשה? 4 קעניגן**
**ווער פון זיי האט געפירט די לאנד מיטן גוטן? דער דריטער קעניג**

**דער געווינער אויף 'מלך שגזר שמד' 1 איז הילד החשוב נחום פראנק, ירושלים טעל 0424**
**דער געווינער אויף טיפער געטראכט איז הילד נתן אנשין, בית שמש**

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

אײנְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְש וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אִין גֶעשֶׁעפְט מִיט זַיינֶע סְחוֹרוֹת אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר פוּן דִי גֶעשֶׁעפְטְס לַייט, אוּן עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים גַּנָבִים אוּן גֶע'גַנְבֶ'ט פוּן אִים זַיין גֶעלְט אוּן פַארְמֶעגְן אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְאָרֶעמְט גֶעוָוארְן.

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן צַאמְגֶענוּמֶען דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע, אוּן זִיךְ גֶעמַאכְט אַ שְׁטֶעלֶע אוּן נָאכְאַמָאל אַיינְגֶעקוֹיפְט סְחוֹרוֹת אוּן עֶר אִיז ווִידֶער גֶעוָוארְן אַ גֶעשֶׁעפְטְס מַאן אוּן ווִידֶער זֶענֶען צוּ אִים גֶעקוּמֶען גַּנָבִים אוּן גֶע'גַנְבֶ'ט דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע אוּן זַיין פַארְמֶעגְן וָואס אִיז אִים נָאךְ פַארְבְּלִיבְּן.

הָאט עֶר ווִידֶער צַאמְגֶענוּמֶען פוּן דָאס בִּיסֶעלֶע וָואס אִיז אִים גֶעבְּלִיבְּן אוּן אוֹיךְ פוּן זַיין ווַייבְּס צִירוּנְגֶען אוּן ווִידֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט עֶפֶּעס אַ שְׁטֶעלֶע אִין גֶעשֶׁעפְט צוּ שְׁפַּייזְן זַיין הוֹיזְגֶעזוּנְד.

ווִידֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים גַּנָבִים אוּן גֶע'גַנְבֶ'ט דִי יֶתֶר הַפְּלֵיטָה וָואס אִיז אִים נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן, בִּיז עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְאָרֶעמְט גֶעוָוארְן אוּן זַיין שְׁטוּב אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִינְגַאנְצְן לֵיידִיג.

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן צַאמְגֶעקְלִיבְּן גָאר אַ קְלֵיינֶע סְכוּם גֶעלְט אוּן גֶעקוֹיפְט קְלֵיינֶע סְחוֹרוֹת אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דִי דֶערְפֶּעלֶער אַזוֹי וִוי דִי אָרִימֶעלַייט וָועלְכֶע טְרָאגְן זֶעקְלֶעך מִיט נָאדְלֶען אוּן פַּייפְּקֶעס אוּן דָאס גְלֵייכְן קְלֵיינְטְשִׁיגֶע זַאכְן. אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי דֶערְפְלֶער צוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען בְּרוֹיט פַאר זַיין הוֹיזְגֶעזוּנְד.

עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַרוּמְטוֹישְׁן מִיט דִי עֲרֵלִים נָאדְלֶען אוֹיף הִינְדֶעלֶעך אוּן אֵייעֶר אוּן דָאס גְלֵייכְן אַזוֹי וִוי דִי אָרִימֶעלַייט.

אײנְמָאל אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי דֶערְפְלֶער אוּן גֶעטְרָאגְן מִיט זִיךְ אַבִּיסְל סְחוֹרָה אוּן עֶסְנְוַוארְג, הָאט אִים בַּאגֶעגְנְט אַ רוֹיבֶּער וָועלְכֶער הָאט גֶערִיטְן אוֹיף אַ פֶערְד, דֶער מֶענְטְש הָאט גֶעטְרָאגְן מִיט זִיךְ צְוֵויי גְרוֹיסֶע פֶּעקְלֶעךְ, אוּן דֶער רוֹיבֶּער הָאט אִים עֶס גֶעוָואלְט בַּא'גַנְבֶ'עֶנֶען, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט דֶערוֹיף אוּן אִים צוּגֶענוּמֶען אוֹיךְ דָאס בִּיסְל וָואס עֶר הָאט נָאךְ פַארְמָאגְט אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט פוּן אַלֶעס.

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעוֵויינְט זֵייעֶר פַארְבִּיטֶערְט, נִישְׁט גֶענוּג זַיינֶע עֶרְשְׁטֶע צָרוֹת וָואס עֶר אִיז אַזוֹי פַארְאָרֶעמְט גֶעוָוארְן פוּן אַזַא עֲשִׁירוּת, הָאט מֶען אִים אוֹיךְ צוּגֶעכַאפְּט דָאס בִּיסְל מְצוּמְצוּמְ'דִיגֶע חִיוּת. אִינְדֶערְצְוִוישְׁן גִיבְּט עֶר אַ קוּק אוּן עֶר זֶעט וִוי דֶער רוֹיבֶּער אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן דֶעם פֶערְד אוּן עֶר ווִיל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן, הָאט דָאס פֶערְד זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אִים אוּן אִים צֶעטְרֶעטְן מִיט זַיין פִיס אוֹיף דֶעם גַנָבְ'ס קָאפּ, אוּן דֶער רוֹיבֶּער אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן.

המשך אויף זייט 2